# דברים נבונים קילורין לעינים בחובת השעה

## לאור המאורעות הקשות בארץ הקודש וקול מלחמה במחנה עם השכנים הערביים

שהשמיע כבוד הגאון הצדיק המפורסם בעל השקפה ברורה

# רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט״א

**אבד״ק ור״מ קהל יטב לב ד׳סאטמאר וויליאמסבורג**

**בנו הגדול של כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק מסאטמאר שליט״א**

אצל **סעודת שלישית** שב״ק פר׳ **ויגש תשס״ט** לפ״ק

## גדול המחטיאו יותר מן ההורגו

דער זיידע ז״ל אין ברך משה ברענגט די וואך (פר׳ ויגש), מ׳זאגט אין די הגדה **״צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו, שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן בקש לעקור את הכל״**. לכאורה ווילן מיר דאך ארויסברענגען דאס רשעות פון פרעה, פארוואס ברענגט מען ארויס **״שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן בקש לעקור את הכל״**.

זאגט דער זיידע ז״ל אזוי, פארוואס האט פרעה נאר גוזר געווען אויף די זכרים, ווייל ער האט געוואלט דעם **כל הבת תחיון** (שמות א, כב), ער האט געוואלט מאכן זינדיגן. לבן, איז טאקע געווען **ביקש לעקור את הכל**, מיר האבן אבער דעם כלל אז **״קשה המחטיאו יותר מן ההרגו״** (במב״ר פכ״א, ד׳). קומט אויס, פרעה האט טאקע נאר גוזר געווען אויף די זכרים, אבער זיין כוונה איז דאך געווען להחטיא את ישראל. דער לבן וואס איז ביקש לעקור את הכל, איז טאקע א געוואלדיגע רשעות געווען, אבער פרעה׳ס רשעות איז נאך ערגער פון דעם. כאטש אויבן אויף זעהט עס אויס, אז לא גזר אלא על הזכרים, אבער לעומת זה וויבאלד גדול המחטיאו יותר מן ההרגו, איז פרעה׳ס רשעות ערגער פון לבן׳ס רשעות.

## קול מלחמה במחנה

לעניננו, ס׳איז ״קול מלחמה במחנה״, ליידער, אידן מאכן מיט שווערע זמנים, אחינו בני ישראל היושבים בארץ הקודש, מאכן מיט מורא׳דיגע פחדים און שווערע זמנים.

אפילו אחינו יושבי בני חוץ לארץ, גייען אויך אדורך פארשידענע בלבולי המוחות, מ׳ווייסט נישט וואס מ׳מעג יא זאגן און וואס מ׳טאר נישט זאגן, וואס מ׳מעג טראכטן און וואס נישט. מיר זענען אלע תלמידים וחסידים פון רבי׳ן ז״ל, **וואס ער האט אראפגעשטעלט די יסודות וואס איז מותר און וואס איז אסור. און במשך הזמן ווען ס׳מאכט זיך אזעלכע מאורעות, דארף מען כסדר איבער׳חזר׳ן און לערנען זיינע הייליגע ספרים**, איבערפרישן זיין חוות דעת, זיין דעת תורה, וואס ער האט אונז געלערנט.

באמת ס׳איז דא א גרויסער פראבלעם, ס׳איז פאראן א ווערטל, **״מיין שונא׳ס שונא איז מיין גוטער פריינט״**, דורך דעם שטעלט זיך ארויס, אז ס׳איז דא אידן וואס האבן מכח דעם א טעות; די רוצחים, די אראבער, (כמ״ש אוהחה״ק), זיי ווילן בלויז הרג׳ענען, זיי קוקן נישט אויף גארנישט; נישט נאר אין ארץ ישראל, נאר איבעראל בכל קצוי תבל; וואו ס׳איז דא פון די אומה, זענען זיי רוצחים, אסאך אידיש בלוט האבן זיי שוין ליידער פארגאסן. דורך דעם ווערט די טבע פון א מענטש אויסגעשטעלט, אז דער אראבער איז זיין שונא, אויב אזוי, מיין שונא׳ס שונא, די ציונים וואס זיי שלאגן זיך מיט די אראבער, כאפט זיך צוביסלעך אריין דער געדאנק אין די מחשבה, און מ׳באקומט א געפיל צו זיי אז זיי

זענען גאר די פריינט פון כלל ישראל.

ווידער איז ליידער דא מענטשן חסירי הדעת - ס'איז היינט געווען פארשפרייט אין ביהמ"ד צעטליך - מיט א פארקערטן נוסח; די ציונים די זענען מיינע שונאים, ווייל זיי מאכן זינדיגן, אויב אזוי, מיין שונא'ס שונא, דער אראבער, איז מיין גוטער פריינט. דאס זענען אויך חסירי הדעת, מענטשן וואס האבן נישט קיין שכל, גייען מיט דעם דעת, ביידע זענען נישט אויסגעהאלטן. (וכבר האריך בזה דו"ז זללה"ה בחידו"ת פר' נשא תשכ"ז עיי"ש, שדעת זה יסודו רציחה וטפשות גם יחד).

**ס'איז דא א כלל כידוע, אז "יעדער כלל האט א יוצא מן הכלל"; אין דעם פאל, אין אזא מין געפערליכן מצב, איז דאס ממש דער ענין. פון איין זייט זענען די אראבער גרויסע רוצחים, זיי קומען בלויז אויף רציחה, אבער לעומת זה וואס די ציונים האבן געטוהן און טוען פאר כלל ישראל, איז דאך א עון בעל יכופר, זיי זענען רוצחי נפש, וויפיל אידישע קינדער האבן זיי במשך די יארן אויסגע'שמד'ט, מיט א געוואלד און מיט רציחה, זיי האבן פשוט אויסגע'שמד'ט גרויסע חלקים פון כלל ישראל, איז דאך זיכער אז גדול המחטיאו יותר מן ההרגו.**

## הציונים: צודדי נפשות

די וואך איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אויף א חתונה נעבן אן עלטערן איד וואס ער האט דארט חתונה געמאכט אן אייניקל. דער איד איז אן אפשטאמיגער פון פוילן, א ריכטיגער חסיד'ישער איד, ער וואוינט דא אין וויליאמסבורג, איז אויסגעקומען א שמועס איבער די צווייטע וועלט קריג. בתוך הדברים האט ער דערציילט, ער איז ניצול געווארן פון די קריג, ער איז דאן געווען א בחור פון דרייצן-פערצן יאר, איז ער באלד נאך די קריג ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, אויף א לעגאלען וועג.

מ'האט געדארפט איינטיילן די אלע יתומים וואו זיי צו שיקן, דער איד האט נישט געהאט קיין טאטע מאמע, האט מען אים געשטעלט אויף א פארהער. האט ער דערציילט: בדידי הוה עובדא, די ציונים זענען געזיצן ביים טיש אויסגעשטעלט, דערנאך איז געווען איינער מיט א גרויסן בארד, א מזרחי'סט, ער האט געהאט א גרויסן טשאפ, אין דער זייט איז געזיצן עפעס א צובראכן איד'ל, וואס ער איז געווען פון די אגודה.

מ'האט איינגע'חזר'ט די בחורים, זיי זענען געווען פרומע בחורים, ווען מ'וועט זיי פרעגן וואו זיי ווילן גיין, זאלן זיי זאגן אז זיי ווילן גיין צו די אגודה [וואס איז דאן געווען די לעגאלע קערפערשאפט וואס האט זיך אפגעגעבן מיט די ענינים]. מ'הויבט אָן דעם פארהער, די ערשטע שאלה פרעגט מען, וואו ווילסטו גיין?, ענטפערט ער צו די אגודה. הייבן זיי אן פרעגן, דיין מאמע האט געצינדן ליכט פרייטיג צו נאכטס?, זאגט ער, יא!, האט זי געגעבן צדקה?, זאגט ער, יא!, ווען האט זי געגעבן צדקה? פאר'ן צינדן אדער נאכ'ן צינדן - זאגט דער איד, ווען ער וואלט זיך פארערדט און געזאגט, אז זי האט געגעבן נאכ'ן ליכט צינדן, אדער איך ווייס נישט, וואלט מען אים גלייך געשיקט צו די פרייע - ער האט געהאט שכל און געזאגט פאר'ן ליכט צינדן.

מ'האט אים ווייטער געפרעגט, דיין טאטע האט געהאט ד' מינים? האט ער געזאגט, יא!, וואספארא אתרוג האט ער געהאט? א גריכישן אתרוג אדער אן ארץ ישראל'דיגער אתרוג?, האט ער געזאגט: איך ווייס נישט. זאגט ער יעצט, ווען ער וואלט געזאגט אז זיין פאטער האט געהאט אן ארץ ישראל'דיגער אתרוג, וואלטן זיי באלד געזאגט אז זיין טאטע האט ליב געהאט ארץ ישראל, און ער באלאנגט זיכער צו זיי. אזוי האט מען אים אויסגעפרעגט קשיות כהנה וכהנה, ער האט נישט געוואוסט וואס זיי ווילן פון אים, ענדליך האט מען אים געפרעגט וואו זענען דיינע שוועסטער'ס געגאנגען? האט ער געענטפערט, אין בית יעקב!, האבן זיי באשלאסן אז ער געהערט טאקע צו די אגודה. און אזוי איז ער געגאנגען צו די אגודה, און ער איז ניצול געווארן פון די פרייע ציונים. - דעם איד איז דאס טאקע געלונגען, אבער ליידער, זענען דאך געווען אינגע אומוויסנדע קינדער, און אזוי האבן זיי אפגע'שמד'ט מיליאנען אידן.

מיט יארן צוריק האבן די "מארמאנים" - דאס איז אן קריסטליכע אומה דא אין אמעריקא - אויפגעבויעט ביי די בערג נעבן ירושלים, א גרויסע אוניווערזיטעט. האבן געוויסע פראקציעס [נישט פון אונז] געמאכט א פראטעסט קעגן די ציונים אז מ'לאזט דאס צו. היתכן מ'לאזט בויען א גאנצער אוניווערזיטעט אין ירושלים?! האט דער

וואוידיסלאווער ז"ל דאן געזאגט: "מ'גייט מאכן פראטעסטן פארוואס זיי בויען דארטן א אוניווערזיטעט, וואס זייער ציל איז שמד, און דאס אז ס'איז דא א מדינה מיט אזויפיל מיליאונען אידן אין ארץ ישראל, וואס מ'רייסט אויס זיי זאלן נישט קענען זאגן אפילו "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", דאס טוט נישט וויי?! דאס איז נאך א גרעסערע שמד צענטער.

## היתכן לשמוח בהצלחת שונאי הקב"ה?!

הגע בעצמך, לאמיר א טראכט געבן א מינוט, מיט א משל לאמיר פארשטיין וואס דא טוט זיך, און וויאזוי מ'דארף שפירן די יעצטיגע מלחמה, כלפי די ציונים, וואס זייער גאנצער הקמה, די גאנצע זאך וואס זיי האבן א מדינה, איז בעצם א מרידה אין מלכות שמים.

לאמיר זיך פארשטעלן, ווען ראובן האט א געשעפט, ס'גייט אים גוט, ער האט פרנסה, אלעס פיין און וואויל, ער האט א מחלוקה מיט זיין שונא און דער שונא שווערט אין אים נקמה. דער שונא זיינער האט אויפגעשטעלט נעבן אים א צווייטער געשעפט, כדי אלע קונים וואס האבן ביז היינט געקויפט ביי ראובן, זאלן קומען צו אים און אוועקגיין פון יענעם געשעפט. לאמיר זיך פארשטעלן ווען במשך פונ'ם זמן ווערט זיין געשעפט פוחת והולך ביז ער מוז צושפארן.

דער איד ווערט מורא'דיג אנגעווייטאגט, דער שונא האט אים אזוי צוגרונד געלייגט, ער קומט אין ביהמ"ד און ווען ער זעט אז איינער האט געקויפט ביים שונא, פארדריסט דאס אים געוואלדיג. יעצט שטעלט אייך פאר, ווען ראובן הערט ווי צוויי פון זיינע גוטע פריינט בארימען זיך מיט דעם נייעם געשעפט, אז ס'האט פילע מעלות, כאטש ס'איז אלעס אמת, אבער ווי שטארק וואלט דאס אים וויי געטון, ער קען דאס נישט פארנעמען, ער האט דאך אים צוגרינד געלייגט דורך דעם געשעפט. **דאס איז דער פשוט'ער טבע פון מענטשן, אז ביים שונא קען מען נישט פארנעמען סיי וועלכע הצלחה, פארוואס! ווייל יענער איז מיין שונא! ער האט מיר אזוי וויי געטהון! קען מען נישט פארנעמען זיין הצלחה.**

יעצט, אז ס'שטעלט זיך אויף א מדינה, וואס די גאנצע הקמת המדינה איז א מרידה אין מלכות שמים, **יעדער רגע וואס די מדינה האט א קיום שטעכט דאס פאר'ן בורא כל עולמים, ס'איז א ניאוץ אין מלכות שמים, קען מען זיכער נישט טראכטן און חלילה זיין צופרידן אפילו ווען ס'קוקט אויס ווי זיי האבן עפעס אן הצלחה!**

דער רבי ז"ל שרייבט דאס קלאר, און אזוי האט ער געזאגט יום הקדוש אויפדערנאכט מיט די ס"ת אין די האנט, אז "ווען נישט די הקמת המדינה וואלט שוין משיח לאנג געקומען". די לעצטע מלחמה איז געווען דער לעצטער נסיון און די חבלי משיח.

מיר זאגן יעדן טאג, "כי לישועתך קוינו כל היום", **יעדער איד קוקט אזוי ארויס אויף ביאת המשיח, ווען מיר דאווענען די היילגע טעג, און יעדן טאג ביי שמו"ע, א גאנצן דאווענען, אלעס איז אויף ביאת המשיח. ווען מיר זאלן גלייבן באמת באמונה שלימה, אז ווען נישט די מדינה וואלט מען שוין זוכה געווען צו דעם, און זיי זענען מעכב ביאת המשיח, קען א מענטש נישט הערן און טראכטן א גוט ווארט אויף זיי,** ווייל ער ווייסט אז זיי זענען די וואס זענען מעכב ביאת המשיח. זיי זענען אונזערע גרעסטע שונאים. זיי זענען דער גורם אויף אונז אלע צרות.

## מרשעים יצא רשע ואסור לשבח מעשיהם

יעצט ווען ס'איז אן עת מלחמה דארף מען טראכטן, און מ'דארף באמת מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל מציל זיין אחינו בני ישראל, ס'זאל קיינעם גארנישט געשעהן, **אבער צו טראכטן, רעדן, און איבערשמועסן, ווען זיי האבן אן הצלחה, אז דאס איז א גוטע זאך? חלילה! "מרשעים יצא רשע". פון קיין רשעי ישראל וואס זענען מנאץ דעם בוכ"ע קען קיין גוטס נישט ארויסקומען!**

ס'איז דא אן הלכה, דער חינוך פסק'נט אזוי (מצוה תכ"ו), און דער רמב"ם פסק'נט אזוי (הל' עכו"ם פ"י ה"ד), ס'איז דא א לאו אין די תורה (דברים ז ב) ולא תחנם. זאגט די גמרא אין מס' ע"ז (דף כ' ע"א), מ'טאר נישט זאגן אויף אומות העולם, אויף די וואס דינען ע"ז, ווי שיין זיי זענען. **זאגט דער חינוך דעם**

**טעם, ווען א מענטש רעדט פון עובדי ע"ז און ער איז משבח די עובדי ע"ז, ווערט ער נאכגעשלעפט. אזוי זאגט דער חינוך**, קודם טראכטן מען, דערנאך רעדט מען, דערנאך ווערט מען אינגאנצן נאכשגעשלעפט. טאר מען נישט משבח זיין דעם עובד ע"ז, און די ע"ז אליין זיכער נישט.[1]

דער רבי ז"ל אין ויואל משה, אנגעהויבן פונעם ערשטן מאמר ביז'ן סוף, איז ער כסדר פארנומען מיט דעם ענין, אז "מרשעים יצא רשע", פון רשעים קען קיין הצלחה נישט ארויסקומען. אפילו ווען אויף די מינוט קען זיך דאכטן אז זיי האבן אן הצלחה, אבער במשך הזמן זעט מען אלעמאל אז ס'איז נישט געווען קיין הצלחה, נאר דאס פארקערטע.

## מזקנים אתבונן – מלחמת לבנון תשמ"ב

מ'ברויך נישט מער ווי אריינטראכטן, די יארן וואס מיר לעבן שוין מיט. ווער ס'געדענקט וואס ס'איז געווען אין יאר תשמ"ב, ווען זיי זענען אריינגעגאנגען קיין לבנון, האט דער דעמאלט'דיגער ראש הכופרים געזאגט: "מ'גייט אריין קיין לבנון, "ותשקוט הארץ ארבעים שנה". – דאס מציאות איז אבער געווען, מ'האט טאקע געמאכט א מלחמה, מ'האט אויסגע'הרג'ט, מ'איז אריינגעגאנגען גאר טיף, אבער צוף סוף האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי [הערביים] זענען שטארקער געווארן, און דערנאך זענען זיי אריין נאכאמאל, אזוי כסדר. וויפיל אידישע נפשות האט דאס דעמאלט ליידער אפגעקאסט!

מענטשן הערן, מ'האט גע'הרג'ט אזויפיל אראבער, און לעומת זה זענען אידן געפאלן "בלויז" פיר אדער פינף. מאכט מען א חשבון, פיר פינף פון כלל ישראל קעגן פיר הונדערט אראבער וכדו'. **ליידער ליידער, וואס איז דאס דען קעגן דעם?! איין אידיש נפש איז מער ווערד וויפיל מיליאנען אראבער! קען מען דאס אפילו צוזאמשטעלן די צוויי? דאס האט אפילו א שייכות?, איין איד זאל פאלן, וועגן די טריפה'נע מדינה, איז דאס נישט ווערד געווען!, על אחת כמה וכמה ווער ווייסט וויפיל אידיש בלוט דאס וועט נאך קאסטן במשך הזמן ה"י. מ'וואלט זיך שוין געמעגט אויסלערנען, אז ווען די ציונים, לו יהא אפילו לשיטתם, האבן אן הצלחה, קאסט דאס ליידער במשך הזמן אסאך מער אידיש בלוט וויפיל מ'מיינט אז מ'גייט זיך יעצט איינשפארן.**

מענטשן טראכטן און מ'פרעגט וואס זאל מען יעצט טוהן, ס'איז דאך דא א מדינה, וואס זאל מען יעצט טוהן! **דער אמת איז, מיר ווייסן באמת נישט וואס מ'זאל יעצט טוהן, מיר ווייסן איין זאך, משיח דארף קומען, און משיח וועט נישט קומען כל זמן די מדינה וועט שטיין** (ויוא"מ עמ' ח', עהגועה"ת עמ' קל"ג), די מדינה מוז בטל ווערן פאר ביאת המשיח, מיר טארן זיך נישט פרייען אפילו ווען זיי האבן הצלחה, וכש"כ ווען ס'קוקט נאר אויס ווי א הצלחה, דאס איז דאך נאר א נארישער דמיון, **און ס'טוהט זייער ווי וויפיל אידישע בלוט ס'ווערן צוליב דעם ליידער פארגאסן, ה' ירחם.**

מיר זענען אלע מתפלל, דער בורא כל עולמים זאל אויפרעכטן כלל ישראל, **ווען ס'וועט קומען משיח צדקינו און ס'וועט אלעס בטל ווערן וועט אלעס זיין כאין וכאפס, דעמאלט וועלן מיר זוכה זיין צו די ריכטיגע התגלות כבוד שמים. זאל דער אייבערשטער העלפן, אז ס'זאל קיינעם גארנישט געשען, די מדינה זאל בטל ווערן בלי שום צער ונגף פאר קיין שום יחיד פון אחינו בני ישראל**, מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט די גאולה שלימה בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

**עריכת והפצת הדרשה נתנדב**

לע"נ הרה"ח

**ר' מנחם ב"ר חיים צבי ע"ה**

גאלדבערגער

ע"י בנו מו"ה משה יודא הי"ו

---

[1] זה לשון ספר החינוך (מצוה תכ"ו): שנרחיק ממחשבתנו ולא יעלה על פינו שיהי' במי שהוא עובד ע"ז דבר תועלת, ולא יהי מעלה חן בעינינו בשום ענין וכו', לפי שתחילת כל מעשה בני אדם היא קביעות המחשבה במעשים והעלות הדברים על שפת לשון, ואחר המחשבה והדבור בה תעשה כל מלאכה, ועל כן בהמנענו במחשבה ובדבור ממצוא בעובדי ע"ז תועלת וחן, הננו נמנעים בכך מלהתחבר עמהם ומלרדוף אחר אהבתם ומללמוד דבר מכל מעשיהם הרעים וכו'. ונוהגת מצוה זו בכל מקום ובכל זמן וכו'. והעובר על זה ושיבח עובדי ע"ז ומעשיהם וכו', עבר על לאו זה, ועונשו גדול מאוד, כי הוא סיבה לתקלה מרובה שאין לה תשלומין, כי הדברים ירדו לפעמים בחדרי בטן השומעים, וכל יודע דעת יבין זה, ע"כ. וכדברים האלה כתב הרמב"ם (הל' עכו"ם פ"י ה"ד), אסור לספר בשבחן ואפילו לומר כמה נאה ע"ז זה בצורתו, ק"ו שיספר בשבח מעשיו או שיחבב דבר מדבריהם, שנאמר ולא תחנם לא יהיה להם חן בעיניך, מפני שגורם להדבק עמו וללמוד ממעשיו הרעים.